# צום פינטל

**גליון לט**
**פרשת עקב תשפ"ג**

## משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

# פרשה

## עבודה זרה נקראת 'חרם'

### ♦ "חרם"

עבודה זרה ווערט אנגערופן אין די תורה 'חרם', ווי ס'שטייט אין די פרשה (דברים פרק ז כו) "וְלֹא תָבִיא תוֹעֵבָה אֶל בֵּיתֶךָ וְהָיִיתָ חֵרֶם כָּמֹהוּ שַׁקֵּץ תְּשַׁקְּצֶנּוּ וְתַעֵב תְּתַעֲבֶנּוּ כִּי חֵרֶם הוּא". דארף מען פארשטיין וואס מיינט 'והיית חרם כמוהו', וואס גייט געשען מיט דער מענטש וואס ברענגט אריין עבודה זרה, וואס מיינט דאס אז דער מענטש גייט ווערן 'חרם' אזוי ווי די עבודה זרה, און בכלל וואס איז דאס די מושג 'חרם'.

שטייט אין רמב"ם (עבודת כוכבים פרק ז ב) אז עבודה זרה איז אסור בהנאה פון די פסוק 'ולא תביא תועבה אל ביתך', און מ'באקומט צוויי מאל מלקות אויב מ'האט הנאה געהאט, איינמאל וועגן 'לא תביא תועבה אל ביתך', און איינמאל וועגן 'ולא ידבק בידך מאומה מן החרם'. דארף מען פארשטיין פארוואס אלע 'איסורי הנאה' לערנט מען ארויס פון 'לא יאכל', ווי ס'איז מבואר אין מסכת פסחים (בתחילת פרק כל שעה) לויט חזקיה און לויט ר' אביהו, יעדער לשיטתו, און דא ביי עבודה זרה אסר'ט עס די תורה בהנאה אויף א נייע וועג, פון די פסוק 'לא תביא תועבה אל ביתך'.

ס'איז דא א מחלוקת ראשונים (בעבו"ז במשנה סוף פרק א) צו אריינברענגען א 'עבודה זרה' אין הויז איז א איסור דאורייתא, ס'איז דא ראשונים וואס האלטן אז ס'איז א איסור דאורייתא, ווי די פסוק זאגט 'ולא תביא תועבה אל ביתך'. אבער אנדערע ראשונים האלטן אז אריינברענגען אין הויז איז נאר א איסור דרבנן, און די פסוק 'ולא תביא תועבה אל ביתך' מיינט עפעס אנדערשט, די פסוק מיינט 'איסור הנאה', זאלסט נישט האבן קיין עבודה זרה אין דיין רשות, זאלסט עס נישט האבן בכלל, ווייל ס'איז אסור בהנאה. דארף מען פארשטיין פארוואס געט די תורה ארויס די איסור הנאה אויף אזא וועג פון 'ולא תביא תועבה אל ביתך' ברענג עס נישט אריין אין דיין הויז.

> **איז מיט דעם פארשטייט מען אסאך בעסער 'חרם' ביי 'עבודה זרה', עבודה זרה דארף זיין אינגאנצן אוועקגעשטיפט פונעם מענטש, מיט די גרעסטע כעס און 'חרון אף', עבודה זרה זאל זיין 'חרם' און 'תועבה' אויף די שטערקסטע דרגא פון 'ריחוק', אז מ'זאל נישט האבן קיין שום בעלות אויף דעם**

### ♦ איסור בעלות והנאה

די אחרונים שטעלן אוועק א יסוד אז דער איסור הנאה ביי 'עבודה זרה', איז אנדערשט ווי אלע אנדערע 'איסורי הנאה', אלע אנדערע 'איסורי הנאה' איז די עצם זאך אסור בהנאה, מ'טאר נישט נוצן די זאך און הנאה האבן, אבער ס'איז נישט דא קיין איסור עס צו האבן אין די רשות, מה שאין כן 'עבודה זרה' וואס דער עיקר איסור איז צו זיין די 'בעלים' אויף דעם, די 'איסור הנאה' איז אז מ'טאר עס נישט האבן בכלל, מ'טאר עס נישט אריינעמען ווי א חלק פון די נכסים. [ווי ס'איז מבואר ענדליך צו דעם אין ספר החינוך מצוה תכט וז"ל "וביארו לנו שהמבשל בעצי אשרה לוקה שתים, משום ולא תביא תועבה, ומשום ולא ידבק בידך מאומה מן החרם, ששני ענינים הם, אחד המכניס דבר עבודה זרה לרשותו כדי ליהנות בו, ואחד הנהנה בו, שבשניהם מראה האדם בנפשו החפץ עליה, ולוקה על שניהם].

און אזוי איז מבואר אין ספר משנת אברהם (פירוש על הסמ"ג מצוה כ"ד וכן במצוה מ"ה שביאר הדבר בטוב טעם ודעת וכן בשאר אחרונים) בטוב טעם ודעת, אז די פשוט'ע איסור הנאה איז כעין ווי א 'איסור אכילה', א 'איסור אכילה' וואס איז גאר הארב אז ס'איז אסור אפילו בהנאה. אבער נאך דעם איז דא א 'איסור הנאה' פון 'בעלות', אז יעדער מענטש האט הנאה צו מרבה זיין זיינע נכסים און זיין בעלות, און ביי עבודה זרה האט די תורה דאס גופא גע'אסר'ט, אז מ'זאל נישט הנאה האבן א הנאה פון בעלות.

און דאס איז די עומק פון די ווערטער פון די הייליגע רמב"ם, 'והזהירנו מחבר דבר אל ממוננו', ער האט אונז מזהיר געווען צו מחבר זיין די געלט און שויות פון די עבודה זרה צו אונזערע נכסים. א יוד טאר נישט אויסברייטערן זיין 'בענק אקאנט' מיט די געלט פון עבודה זרה, אונזערע נכסים זאל זיין ריין פון געלט פון עבודה זרה, א יוד זאל נישט האבן די געשמאק אז ער איז רייכער געווארן מכח די געלט פון עבודה זרה, דאס איז די איסור הנאה וואס די תורה האט גע'אסר'ט ביי עבודה זרה.

און מיט דעם איז עבודה זרה הארבער אפילו ווי חמץ, ווייל 'חמץ' איז טאקע אסור צו האבן אין די 'רשות', אבער די 'איסור הנאה' וואס 'חמץ' האט, דאס קומט נישט פון דעם, דאס איז ווי אלע אנדערע 'איסורי הנאה', אבער ביי עבודה זרה איז דאס גופא די 'איסור הנאה', אז מ'טאר עס נישט האבן, די האבן אליינס איז די הנאה, דאס אז ער איז די בעלים אויף די עבודה זרה, ער האט עבודה זרה

המשך בעמוד הבא

אין זיין רשות, ער האט די שווית פון עבודה זרה צווישן זיינע נכסים.

### חרם ביי עבודה זרה

איז מיט דעם וועט מען פארשטיין די לשון 'חרם' ביי עבודה זרה, 'חרם' מיינט אז די געלט פון עבודה זרה קען נישט זיין קיין חלק פון די נכסים פון א יוד, נישט נאר ס'איז אסור בהנאה, נאר ס'קען בכלל נישט קיין חלק פון א יוד'ס 'נכסים', אזוי ווי געשמועסט אז נישט נאר מ'טאר עס נישט נוצן און הנאה האבן, נאר מ'טאר עס בכלל נישט האבן.

ס'איז מבואר אין די מפרשים (חשק שלמה אות ח שורש חר) אז די מושג 'חרם' קומט פון די לשון 'חרון אף', 'מחרחר ריב' וכדומה. איז ביי עבודה זרה וועט עס מיינן אז די תורה שטיפט אוועק די 'עבודה זרה' עד הסוף מיט א 'חרון אף' אהן קיינע הגבלות, נישט נאר מ'טאר עס נישט נוצן, נאר מ'טאר עס בכלל נישט האבן, עס איז אוועק געשטופט עד הסוף.

און דאס איז אויך די לשון 'חרם' ביי 'חרמות', מ'איז מחרים א מענטש בחרם ובנידוי, מ'שטופט אים ארויס פון די מציאות אינגאנצן, מ'איז אים מקלל מיט אלע סארטן קללות, מ'אסר'ט יעדעם צו זיצן אין זיינע ד' אמות, ווי ס'איז מבואר די הלכות אין הלכות חרם. און ס'איז מבואר דארט איז 'חרם' איז אפילו מער הארבער ווי 'נידוי', ווייל ווי געשמועסט ברענגט 'חרם' ארויס די דאזיגע נקודה אז ס'איז באזייטיגט 'עד הסוף', משא"כ די לשון 'נידוי' זאגט נאר אז די זאך איז אפגעשטופט.

### חרמים להקדש

אין פרשת בחקותי (ויקרא כז כא) איז דא א גרויסע סוגיא וועגען די מושג פון 'חרמים' ביי "הקדש", און רש"י ברענגט דארט אז ס'איז דא 'חרמים' פאר הקדש, און ס'איז דא חרמים פאר די כהנים, און ס'איז דא 'סתם חרמים' וואס ס'איז א מחלוקת צו ס'גייט פאר 'בדק הבית' אדער פאר די 'כהנים'.

די מפרשים (חשק שלמה שם אות ח שורש חר) זענען מסביר אז די מושג 'חרמים' ביי הקדש איז אז דער בעל הבית איז זייער אויפגערעגט אויף א חפץ אדער אויף זיין קרקע, ער וויל עס בשום אופן נישט האלטן מער ביי זיך, ער וויל עס מחרים זיין, ער וויל עס ארויסשטופן פון זיך (כעין ווי די פסוק זאגט "כִּי עַל אַפִּי וְעַל חֲמָתִי הָיְתָה לִּי הָעִיר הַזֹּאת... לַהֲסִירָהּ מֵעַל פָּנָי", ירמיה לב, לא), דאן איז דא די הלכה פון חרמי כהנים און חרמי בדק הבית, ער קען 'מחרים' זיין פאר די כהנים, און ער קען מחרים זיין פאר הקדש, און ער קען אויך 'מחרים' זיין 'סתם', וואס דאן איז א מחלוקת צו ס'גייט פאר די כהנים אדער פאר הקדש.

איז מיט דעם פארשטייט מען אסאך בעסער 'חרם' ביי 'עבודה זרה', עבודה זרה דארף זיין אינגאנצן אוועקגעשטיפט פונעם מענטש, מיט די גרעסטע כעס און 'חרון אף', עבודה זרה זאל זיין 'חרם' און 'תועבה' אויף די שטערקסטע דרגא פון 'ריחוק', אז מ'זאל נישט האבן קיין שום בעלות אויף דעם. איז מיט דעם פארשטייט מען פארוואס די תורה זאגט נישט די 'איסור הנאה' מיט די לשון 'לא יאכל', ווייל דאס איז נאר א פשוט'ע איסור הנאה, און די איסור הנאה פון עבודה זרה איז אסאך מער, ס'איז איסור הנאה בכל התוקף אז ס'זאל נישט זיין קיין שום בעלות. ('חרם' ביי קדושה וועט מיינען אז ס'איז זייער אוועק געשטופט פון די מענטשהייט, געשטופט צו קדושה, מובדל פון די גאנצע וועלט צו קדושה, און 'חרם' ביי עבודה זרה וועט מיינען די אנדערע וועג אז ס'איז מובדל אינגאנצען פון די מענטשהייט צו וויסטעניש).

און ווי מ'זעהט טאקע אז ס'איז אסאך הארבער ווי אלע אנדערע איסורי הנאה, עבודה זרה איז אסור אפילו 'חליפין' און אפילו 'חליפי חליפין', זה וזה גורם, רוצה בקיומו, און נאך פיל זאכן, וואס אלץ איז די יסוד אז זיין 'איסור הנאה' איז א איסור הנאה עד הסוף.

### מציאות של חרם

ס'איז דא א מחלוקת דער רמב"ם און דער רמב"ן, צו נאר עבודה זרה אליינס ווערט אנגערופן 'חרם', אדער אויך אלעס ארום, ווי 'תקרובות' און 'תשמישים', דער רמב"ן האלט אז די אלע זאכן זענען נישט בכלל 'חרם', און דער רמב"ם האלט אז אלעס איז אין כלל פון 'חרם', 'תקרובות עבודה זרה', 'תשמישי עבודה זרה', ממון עבודה זרה, חליפין און חליפי חליפין, אלעס וואס איז 'נגרם' געווארן דורעך עבודה זרה, און 'רוצה בקיומו', אלעס איז אין כלל פון 'חרם'. עבודה זרה און איר גאנצע 'רשות', אלעס איז אין כלל פונעם 'חרם', אלעס איז מוחרם דורעך די תורה [ז"ל השגות הרמב"ן במנין מצות לא תעשה "אלא ע"ז היא שנקראת 'חרם', דכתיב כי חרם הוא, ולא משמשיה ותקרובת שלה וכו', וזה שלא כמאמר הרב במצות כ"ה"].

איז לויט דער רמב"ם געט זיך שטארק ארויס וואס מ'האט געשמועסט אז 'חרם' מיינט א איסור הנאה 'עד הסוף', און וועגען דעם איז נכלל אין דעם אויך אלעס ארום און ארום די עבודה זרה, אלעס אלעס 'עד הסוף' איז אינעם כלל פונעם 'חרם'.

די תורה דריקט זיך אויס אויף עבודה זרה 'כי חרם הוא', נישט נאר מ'זאל מחרים זיין 'עבודה זרה', נאר איר נאמען בעצם איז 'חרם', די נאמען פון 'עבודה זרה' איז 'חרם', 'כי חרם הוא', איר מציאות איז איין שטיק 'חרם', א מציאות פון חרם, א מציאות פון וויסטעניש עד הסוף. און ווען א יוד נעמט אריין די עבודה זרה צו זיך, ווערט ער גופא אויך א מציאות פון חרם, דער בעל הבית גופא ווערט חרם, ווי די פסוק זאגט 'והיית חרם כמוהו', די מיט אלע דיינע נכסים ווערן איין גרויסע מציאות פון חרם, וואס באדייט אז זיי גייען ארויס פון די מציאות עדיף הסוף.

להלכה טייטשט מען 'והיית חכם כמוהו' אויף די חליפין און 'חליפי חליפין' ווי ס'איז מבואר אין גמרא, אבער עטוואס ליגט אין דעם אויך אז דער בעל הבית אליינס, ער און אלע זיינע נכסים גייען אריין אונטער די נאמען 'חרם'. משל למה הדבר דומה צו די נכסים פון א מענטש, דער נאמען פונעם מענטש גייט ארויף אויף אלע זיינע נכסים, יעדער ווייסט אז די אלע זאכן באלאנגען, פאר 'פלוני בר פלוני' דער בעל הבית. ענדליך צו דעם איז דא אויך ביי עבודה זרה, אלעס וואס איז אונטער אירע פליגעל, אלעס באקומט איר נאמען, יעדער ווייסט אז דאס באלאנגט צו די עבודה זרה, און אויב דער 'עבודה זרה' אליינס הייסט 'חרם', איז ממילא אלעס וואס איז אונטער איר, איז אין די כלל פון די נאמען 'חרם'.

מה ה' אלוקיך שואל מעמך וגו' ליראה וגו' ולאהבה. די תורה הקדושה זאגט כסדר אז דער אייבישטער פארלאנגט יראה, און ער פארלאנגט אהבה, און די ספרים הקדושים זענען פיל מיט דעם, אלע חסידישע ספרים דרייט זיך ארום די צוויי זאכן 'יראה' און 'אהבה'. צומאל ווערט עס גערופן עשה ולא תעשה, תורה ותפלה, חסד וגבורה, ווי ס'איז מבואר באריכות אין אלע ספרים (די דאזיגע מושג פון 'אהבה ויראה', ווערט די מערסטע ארומגערעדט אין חסידישע ספרים, קרוב צו 8 טויזענט מאל).

אהבה ויראה זענען בעצם צוויי פארקערטע זאכן, א 'תרתי דסתרי' ממש, 'אהבה' איז א תנועה פון התרחבות און ברייטקייט, און יראה איז א תנועה פון צוצמם, אבער די תורה הקדושה פארלאנגט פון א יוד צו האבן ביידע זאכן, אהבת ה' און יראת ה', דארף מען פארשטיין ווי אזוי לעבט מען מיט צוויי פארקערטע זאכן אינאיינם.

## אהבה ויראה דארף א באלאנס

אין וועלטליכע ענינים זעהט מען אז 'אהבה ויראה' דארף א באלאנס, מ'דארף עס באלאנסירן א גאנצע צייט בכללות ובפרטות. ווי מ'זעהט עס שטארק ביי די 'אקאנעמי' פון די מדינות, ווייל ווי ס'איז באקאנט באשטייט די גאנצע 'אקאנאמי' (Economy) פון א באלאנס פון די צוויי כוחות, פון א באלאנס פון יראה און אהבה, און טאמער ס'איז נישט דא קיין גוטע באלאנס, קען ווערן ח"ו א 'אינפלעישן' (inflation).

פון איין זייט דארף זיין אין א מדינה האבן שפע און אהבה, די בענק זאלן פארבארגען געלט אינגרויסן, ס'זאל זיך גוסן שפע און אהבה, ס'זאל זיך פארבארגט אהן קיינע חשבונות, מ'מעסט נישט פאר וועם פאר וואס און פארוואו, מ'טיילט הלוואות מיט א ברייטקייט און אהבה.

אבער פון דער אנדערע זייט מוז זיין 'יראה', מ'מוז איינצוימען די שפע, ווייל אויב די אהבה באלאנסירט זיך נישט מיט 'יראה', פירט דאס אריין די 'אקאנעמי' (Economy) אין א אינפלעישן (inflation), וואס דאס באדייט א שפע פון אהבה אהן קיינע הגבלות.

און אזוי איז דא תקופות און יארן, קודם איז דא א תקופה פון שפע און 'אהבה', און דערנאך קומט יארן פון 'צמצום', די בענק זענען מצמצם די הלוואות, און די גאנצע מדינה איז זיך מצמצם, דערנאך ווען מ'פילט אז די שפע איז שוין גענוג טייט, די מדינה איז שוין פאר'חלש'ט פאר שפע, דאן קען מען צוריק עפענען די צינורות, מ'קען צוריק אנפאנגען צו טיילן ברייטע מוצה"ס. און ס'איז נישט דא אויף דעם קיינע ברירות, אפילו מ'וויל זיין גוט, מ'וויל טיילן 'מוצות', אבער יעדער פארשטייט אז מ'איז געצווינגען זיך מצמצם צו זיין, מ'איז געצווינגען זיך צו באלאנסירן מיט יראה, כדי די 'אקאנעמי' (Economy) זאל נישט צופאלן.

און אזוי איז אין אלעס, אין אלעס דארף זיך באלאנסירן די יראה און די אהבה, אלעס דארף א ריכטיגע באלאנס פון די צוויי כוחות, און אנדערע ווערטער געבן און נעמען, יא און ניין וכו'. און ס'איז נישט שייך צו געבן א פונקטליכע שיעור אין דעם, ס'איז נישט שייך צו זאגען ווי סאך מ'דארף גיין מיט דעם, אדער ווי סאך מ'דארף גיין מיט דעם, מ'גייט אביסל מיט איין זייט, און מ'זעהט אז ס'פעלט זיך אויס, דאן גייט מען אביסל מיט די אנדערע זייט.

ווי למשל א בעל הבית מיט זיין ארבעטער, פון איין זייט דארף דער 'בעל הבית' געבן 'יראה', ער איז דאך דער 'בעל הבית' וואס פארלאנגט פון דער ארבעטער זיך צו צושטעלן, אבער נאכדעם וואס ער געט יראה קען דער ארבעטער ווערן פארמאכט, מוז מען זיך באלאנסירן די אנדערע וועג, און געבן אביסל מער אהבה, מ'מוז געבן מער 'אהבה', מ'מוז געבן קאמפלמענטס (complement), געבן א 'רעיז' יעדע פאר יאר וכו', ס'מוז זיך באלאנסירן.

און אזוי איז מיט שלום בית, מיט די חינוך פון די קינדער, מיט א חברותא, מיט יעדער זאך, דארף זיין א באלאנס פון יראה און אהבה, און ס'איז א שווערע נושא ווייל ס'איז נישט דא קיין שום כללים אין דעם, מ'דארף פשוט גיין אהין און צוריק, אז מ'פילט מ'האט איבערגעצויגען די שטריק אויף איין זייט, דאן גייט מען אריבער צו די אנדערע זייט, און דערנאך פארקערט.

צומאל איז דא א שוועריגקייט צו באלאנסירן אהבה ויראה, ווייל פאר די ארומיגע מענטשן וועט עס אויסזעהן ווי א סתירה, למשל ביי 'חינוך' איז דא א פחד אז די קינד וועט ווערן צומישט, נעכטן האט מען געשריגען אויף אים וועגען די ענין, און היינט גייט מען מיט אהבה און ויתור. איז קודם כל איז פשוט נישטא דא קיינע ברירות, בהכרח מוז אלעס ווערן באלאנסירט, און צוויי'טנס די געפילן פון אהבה ויראה זענען אזוי קלאר אין יעדער מענטש, אז יעדער פארשטייט גוט ווי זיי צו פלאצירן, און דער קינד וועט זיך זיכער צו געוואוינען און ער וועט פארשטיין אליינס ווי צו פלאצירן יעדעס געפיל.

> **לענדער וואס זייער גאנצע 'קולטער' (Culture) איז געווען מער יראה, און אין איין שיינעם טאג דרייט זיך עס איבער צו אהבה, ווי ס'איז שטארק באקאנט די תקופה פון 'נאפוליון', וואס די וועלט האט געכאפט א דריי צו 'אהבה'**

על כל פנים צוריק צו וואס מ'האט אנגעפאנגען וועגען יראת ה' און אהבת ה', ווי אזוי לעבט מען מיט א 'תרתי דסתרי', איז די תירוץ אז דאס איז די מציאות פון יראה און אהבה, מ'מוז לעבן אין די סתירה און עס באלאנסירן, און יעדער יוד האט די בחירה בוחר צו זיין, ווען ער דארף לעבן מיט יראת ה', און ווען ער דארף לעבן מיט אהבת ה', און ווען ער פילט אז די יראה איז צו סאך, דארף ער אריבער גיין צו אהבת ה', און די זעלבע פארקערט. דאס איז די עבודה פון יעדער יוד, בוחר צו זיין יעדער רגע וואס איז די רצון השם, צו זאל ער גיין מער מיט אהבה אדער מער מיט יראה, מער פאזיטיוו (positive), אדער מער נעגעטיוו וכו'.

## אהבה ויראה פירט זיך מלמעלה

און בכללות איז דאס א זאך וואס פירט זיך מלמעלה, ווי מ'זעהט אז ס'איז דא צייטן דורות און תקופות וואס די וועלט פירט זיך מער מיט אהבה און שפע, און צייטן פארקערט, מלכים און קעניגען וואס פירען די לאנד מיט אהבה, און מלכים וואס פירען מער מיט יראה, ווי די פסוק זאגט 'לב מלכים ושרים ביד ה'', דער אייבישטער דרייווט זייער הארץ, צו זיי זאלן גיין מער מיט יראה, אדער מער מיט אהבה. צו זיי זאלן מקפיד זיין אויף זייער כבוד און מאכן מלחמות, אדער זאלן זיין מוותר זיין כדי ס'זאל זיין שלום און אהבה.

און אסאך מאל זעהט מען אין דעם פלאות, ווי לענדער וואס זייער גאנצע 'קולטער' (Culture) איז געווען מער יראה, און אין איין שיינעם טאג דרייט זיך עס איבער צו אהבה, ווי ס'איז שטארק באקאנט די תקופה פון 'נאפוליון', וואס די וועלט האט געכאפט א

המשך בעמוד הבא

דריי צו 'אהבה', און זינט דאן דרייט זיך עס מער און מער, ביז ווי אונז שטייען דא תשפ"ג. די 'יראה' פון די קעניגען איז שוין געווען צו פיל, ס'איז שוין געווען אריבער אלע גרעניצן, און 'מלמעלה' האט מען עס געגעבן א דריי, ס'איז געקומען א נאפוליון און די וועלט האט זיך געגעבן א דריי איבער (ס'איז באקאנט די מחלוקת פון די צדיקים אין די מלחמות פון נאפוליון, וואס בעומק איז דאס א מחלוקת פון יראה און אהבה, דער בעל התניא איז געגאנגען מיט די רוסען דאס הייסט מער מיט יראה, און די אנדערע מער מיט נאפוליון וואס דאס מיינט מער מיט אהבה).

א משל צו דעם, אין די עולם החולין איז דא די ריפובליקאנער און די דעמעקראטן, די רעכטע און די לינקע, דער ערשטער ציט אלץ די שטריק אויף יראה, און דער אנדערער אויף אהבה, דער ערשטער וויל יראה, אלעס זאל זיין אויסגעהאלטן געזעצלך, אהן ויתור און רחמנות, אלעס פארלאנגט ער 'משפט'. און דער צווייטער אז מער אהבה'דיג, פארשטיין די ארימעלייט און די שוואכערע, זיי פארגעבן אויף זייערע שוואכקייטן און עבירות וכדומה. און דאס מוז זיך בהכרח באלאנסירן אז נישט פארשטייט יעדער אז ס'איז א חורבן. און דאס איז אלץ זאכן וואס ווערט געפירט מלמעלה, און אלעס איז אין כלל פון די פסוק 'לב מלכים ושרים ביד ה''.

## יראה און אהבה ביי די חסידים

בקדושה, בקהילות קדושות בישראל, איז דא וואס ס'איז מער יראה און ס'איז דא וואס ס'איז מער 'אהבה', און אלעס דארפן מען האבן אינעם אייבירשטען'ס ארמיי, אזוי ווי די בריאה זעלבסט האט נישט קיין קיום אהן א באלאנס פון יראה ואהבה, די זעלבע זאך 'כלל ישראל' האט נישט קיין קיום, ס'מוז א גאנצע צייט זיין א באלאנס צווישן די צוויי כוחות.

אזוי ווי א יידישע שטוב איז געבויט אויף א איש ואשה, אהבה ויראה, די זעלבע 'כלל ישראל' דארף זיין געבויט פוןביידע, אזוי ווי ס'דארף זיין 'מצוות עשה' און 'מצוות לא תעשה', יא מיט א ניין, ניין מיט א יא, און ס'מישט זיך, אזוי דארף זיין אלע חלקים ביי כלל ישראל. די ליטווישע קהילות וואס זייער עבודת ה' איז מער מיט יראה, און די חסידישע קהילות וואס איז מער מיט אהבה (אין גשמיות'דיגע ענינים איז פאקערט, די ליטווישע גייען מער מיט אהבה, און די חסידישע מער מיט יראה), און אלעס איז א חלק פון די שיינקייט פון כלל ישראל. (ווי סאך די כוחות זאלן זיך מישן, דאס איז א פרישע נושא, אבער ס'זוכער אז מ'דארף אלע חלקים, און יעדער דארף זיין שטארק אין זיין זאך, ווייל אלעס איז וויכטיג).

און אזוי איז אויך צווישן צוויי חבירים, געווענטליך איז איינער מער אהבה און דער צווייטער מער יראה, און אמאל איז מען מקנא דעם צווייטן אויף דעם וואס ער האט אזוי פיל אהבה, ער איז מער 'סאושעל', יעדער האט אים ליב וכדומה. אבער ער דארף וויסן אז בהכרח ביידע זענען וויכטיג פאר די וועלט, און ער מיט זיין 'יראה' באלאנסירט דעם צווייטן, פונקט ווי דער צווייטער באלאנסירט אים מיט זיין 'אהבה'.

## ווער איז חשוב'ער

די זוהר הקדוש רופט אהן 'יראה ואהבה' די צוויי פליגלעך (תרין גדפין), פייגל קענען נישט פליען מיט איין פליגעל, זיי מוזן האבן ביידע, זיי באלאנסירן זיך א גאנצע צייט אויף ביידע, אזוי אויך א יוד מוז האבן ביידע, ער מוז האבן אהבה און ער מוז האבן יראה און זיך באלאנסירן אויף זיי ביידע. אין די ספרים הקדושים איז א מדובר וועלכע איז גרעסער יראת ה אדער אהבת ה', אבער יעדער פארשטייט אז מ'מוז א גאנצע צייט האבן ביידע, מ'קען חשבונ'ן וועלכע איז גרעסער, אזוי ווי מקען חשבונ'ן אויף די רעכטע פליגעל אדער די לינקע פליגעל, וועלכע איז חשוב'ער, אבער נאך אלע מעשיות דארף מען צוקומען צו ביידע.

און אזוי איז ביי איש ואשה, דער איש איז אסאך חשוב'ער, אבער פונדעסטוועגן פארשטייט יעדער אז מ'מוז צוקומען צו ביידע. אויך ביי 'עשה ולא תעשה' איז דער 'עשה' חשוב'ער, ווי די כלל 'עשה דוחה לא תעשה', אבער פון די אנדערע זייט איז די 'לא תעשה' פונקט אזוי וויכטיג, און אפילו נאך אסאך הארבער, ווי מ'זעהט אויף די 'עונשים' וואס איז דא אסאך מער ביי 'לא תעשה' (בפשטות קען מען זאגען אז דאס וואס די עונשים זענען שטערקער ביי 'לא תעשה', אז דאס פשוט ווייל דאס איז די מדה פון 'לא תעשה', די מדה פון לא תעשה איז 'יראה' און 'עונשים', אבער נישט ווייל 'לא תעשה' איז חשוב'ער). ווי חשוב איין זייט זאל זיין, דארף ער אייביג געדענקן אז נאך אלעס דארף ער אויך צוקומען צו די אנדערע זייט.

און ווי ס'איז מבואר אין ספרים הקדושים איז אזוי אויך ביי דער מענטש זעלבסט, א יוד ביי זוך מוז האבן ביידע מידות, אהבה און יראה, איינס אהן דעם צווייטן פארלירט דעם טעם. אזוי ווי א 'געספוילט קינד' וואס ער פילט נישט קיין טעם און גארנישט, ווייל ער האט דאך אלעס, ס'איז צו סאך אהבה, אזוי האט דער אייבישטער אויסגעשטעלט די בריאה, אז דער מענטש זאל האבן 'עיכובים', ער זאל האבן 'יראה' און 'צמצומים' וואס בלאקן אים, און דוקא זיי ברענגען ארויס די געשמאק פון די אהבה און התרחבות.

סך הכל ס'מוז זיין ביידע כוחות אין יעדע זאך, מ'דארף עס נאר גוט באלאנסירן, און דאס זאגט די תורה אין די פרשה, 'ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך וגו', ליראה וגו' ולאהבה, די צוויי גייען צוזאמען. און דוקא אין די דאזיגע פסוק וואס איז באקאנט פאר 'יראת ה'', דוקא דא שטייט אויך 'אהבה', כי אם ליראה וגו' ולאהבה, אלץ פעלט זיך אויס ביידע.

די חז"ל זאגען אז מ'איז מחויב צו מאכן יעדן טאג מאה ברכות, 'אל תקרי מה אלא מאה', און דאס איז סיי מכח 'יראה' און סיי מכח 'אהבה', א יוד האט 'מורא' הנאה צו האבן פון די וועלט אהן מאכן א ברכה, ער האט מורא צו פארלייקנען דעם אייבירשטנ'ס מציאות אין די בריאה. און פון די אנדערע זייט די עצם מציאות פון 'ברכות' איז 'אהבה' ושפע, ער מאכט ברכות און דאנקט און לויבט דעם אייבירשטן אויף די געשמאקע זאכן.

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות:** zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. +972-52-763-3424